

# זענט איר טראגעדיג, אדער לעצטנס געבוירן א קינד?
## ווייסט ווען צו רופן הילף - שנעל!

שוואנגערשאפט קען זיין א פרייליכע צייט פאר פיל מענטשן. עס קען אויך לייגן פיל סטרעס אויפ'ן קערפער. איר קענט האבן פראגעס וועגן סימפטאמען, אייער שוואנגערשאפט, אדער ווי אזוי איר שפירט. אייער העלט קעיר פראוויידער קען העלפן. פרעג זיי פראגעס איבער'ן טעלעפאן אדער בשעת'ן אפוינטמענטס.

רוב מענטשן האבן נאר אפאר סימפטאמען אזוי ווי צופרי קרענק אדער לייכטע געשווילעכץ אין זייער הענט, ארעמס אדער פיס. געוויסעווארענונג סיגנאלן קענען מיינען אז עפעס ערנסט פאסירט.

טיילט מיט די אינפארמאציע מיט מענטשן מיט וועמען איר וואוינט אדער באזוכט אפט. זיי קענען באמערקן טייל פון די סימפטאמען איידער איר באמערקט דאס.



## רופט 911.

באקומט הילף זאפארט אויב איר האט סיי וועלכע פון די סימפטאמען אינטן בשעת שוואנגערשאפט אדער נאכ'ן געבוירן. דרייווט נישט אליין צום שפיטאל.

- קורצע אטעם- איר קענט נישט נעמען א פולע אטעם, עס איז צו שווער צו אטעמען
- געדאנקען פון שעדיגן זיך אדער אייער בעיבי
- הארץ ווייטאג אדער שנעלע הארץ קלאפעניש
- קאפווייטאג וואס גייט נישט אוועק מיט מעדעצין, אדער קומט פלוצלונג
- די בעיבי'ס באוועגונגען פארלאנגזאמען זיך אדער שטעלן זיך אפ בשעת שוואנגערשאפט
- די בעיבי'ס הויט איז בלוי אדער קאלט נאכ'ן געבוירן

## רופט אייער העלט קעיר פראוויידער.

רופט אייער העלט קעיר פראוויידער און באקומט הילף זאפארט אויב איר האט סיי וועלכע פון די סימפטאמען אינטן בשעת שוואנגערשאפט אדער נאכ'ן געבוירן. אויב איר קענט נישט רעדן מיט אייער פראוויידער, רופט 911.

- פיבער איבער 100.4 °F
- געשוואלנקייט אין אייער הענט, ארעמס, קנעכל אדער פיס - ספעציעל אויב עס איז מער ווי נארמאל
- שווינדלען
- ענדערונגען אין אייער זע-קראפט - אומקלארקייט אדער איר קענט נישט קאנצענטרירן
- ערנסטע איבלונג מיט ברעכן - מער ווי צופרי קרענק
- אויסגעמוטשעטקייט - זיך שפירן זייער מיד
- וואדזשינעל בלוטיגן אדער פליסיגקייטן רינען בשעת'ן שוואנגערשאפט
- שטארקע וואדזשינעל בלוטיגן אדער גרויסע בלוט קלאטס
- וואונדן וואס היילן זיך נישט, ספעציעל נאך א קייסער שניט געבורט - אויך באקאנט אלץ א "C-section"

NEW YORK STATE | Department of Health

## פֿאַרשטייט אייער דיאגנאז.

טייל צושטאנדן בשעת שוואנגערשאפט אדער נאכ'ן געבוירן קענען זיין לעבנס געפאר. זיי קענען אפילו צוברענגען צו טויט.

איר קענט האבן איינע פון די צושטאנדן אדער סימפטאמען אינטן בשעת איר זענט טראגעדיג אדער נאכ'ן געבוירן. אויב איר האט, בעט אייער העלט קעיר פראוויידער הילף צו בלייבן ווי געזונט מעגליך.

צוויי סארטן הויכע בלוט דרוק געשעהן שפעטער אין שוואנגערשאפט אדער נאכ'ן געבוירן - **פריעקלאמפסיע** און **עקלאמפסיע** זיי געשעהן ווען עס איז דא צופיל סטרעס אויפ'ן הארץ. זיי קענען אויך באווירקן אנדערע אברים אזוי ווי די לעבער און די נירן.

סימפטאמען שליסן איין:
- אומקלארע זע-קראפט,
- סענסיטיווקייט צו ליכט - שטארקע ליכטיגקייט טוט ווי פאר אייער אויגן,
- קאפווייטאג וואס גייט נישט אוועק מיט מעדעצין,
- איבלונג אדער ברעכן,
- שווערינקייט מיט אטעמען, און/ אדער
- געשוואלענקייט אין די פיס, הענט, און געזיכט.

אפילו איינער וואס האט נישט געווענליך קיין צוקער קרענק קען עס באקומען בשעת שוואנגערשאפט. **דזשעסטעישינאל צוקער קרענק** מיז ווערן באהאנדלט אדער קאנטראלירט. אויב נישט, עס קען שעדיגן דאס קינד און צוברענגען פראבלעמען ביים אטעמען.

סימפטאמען שליסן איין:
- שפירן זייער דארשטיג,
- אפטע אורינירונג,
- זיך שפירן זייער מיד,
- איבלונג,
- נישט קלארע זע-קראפט, און
- וואדזשינעל, בלאדער, און הויט אנטצינדונגען.

**HELLP סינדראם** איז א זעלטענע צושטאנד וואס קען געשעהן שפעט אין שוואנגערשאפט, און אפאר מאל נאכ'ן געבורט. עס איז דיאגנאזירט דורך בלוט טעסטס.

סימפטאמען שליסן איין:
- אומקלארע זע-קראפט,
- הארץ ווייטאג,
- ווייטאג אין די אויבערשטע רעכטע אדער מיטן פון די בויך,
- קאפווייטאגן,
- זיך שפירן זייער מיד, און
- איבלונג אדער ברעכן.

א זעלטענע אבער ערנסטע פראבלעם קען געשעהן ווען אמניאטיק פלואיד גייט אריין אין אייער בלוט שטראם. דאס ווערט אנגערופן **אמניאטיק פלואיד עמבאליסם** (AFE) עס קען פאסירן דורך שניטן אין די פלאסענטע, אדער א וואונד אין די בויך. עס קען פירן צו בלוט קלאטס אין די לונגען און מח. AFE קען געשעהן דורכאויס שוואנגערשאפט און באלד נאכן געבורט.

סימפטאמען שליסן איין:
- שווערינקייטן מיט אטעמען,
- היסן,
- נידעריגע בלוט־דרוק, און
- בלויע הויט אדער נעגל.

אויב עס געשעט בשעת שוואנגערשאפט, קען די בעיבי'ס הארץ קלאפן שטייט.

שטארקע בלוטיגן בשעת אדער נאך געבוירן ווערט אנגערופן **פאסטפארטום העמארהעדזש**. עס איז זעלטן, אבער קען זיין זייער ערנסט. דעס פאסירט געווענליך אינערהאלב א טאג נאך געבורט - אבער עס קען געשעהן ביז 3 מאנאטן שפעטער.

סימפטאמען שליסן איין:
- שטארקע בלוטיגן פון די וואדזשיינע וואס הערט נישט אויף,
- נידעריגע בלוט־דרוק,
- א שנעלע פולס אדער הארץ ראטע, און
- געשוואלנקייט און ווייטאג אין אדער ארום די וואדזשינע.

ווען אייער קערפער רעאגירט צו שטארק צו אן אנטצינדונג, ווערט אס אנגערופן **סעפסיס**.

סימפטאמען שליסן איין:
- פיבער,
- צעמישעניש,
- טרייסלונגען,
- נידעריגע בלוט־דרוק,
- קאלטע און בלאסע הויט, און
- הענט און פיס וואס קוקן אויס אביסל בלוי.

## ווערט געוואר מער.

אויסצוגעפינען מער, באזיכט

https://www.marchofdimes.org/complications/pregnancy-complications.aspx#

אדער

https://safehealthcareforeverywoman.org/urgentmaternalwarningsigns/